# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת תרומה תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 472



בני אמונים – מתחזקים בעניית אמן

לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל נפטר י"ג אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק

פקס: 03-5055919

9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### בויען די משכן לשם שמים

"דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה" (כה ב)

די ווארט "לי" טייטש רש"י (ע"פ תנחומא א) "לשמי". ערקלערט דער 'פנים מאירות' אזוי, די חכמים זאגן (סוטה לח א) אז אין בית המקדש האט מען ארויסגעזאגט דעם שם הוי"ה אזוי ווי עס שטייט געשריבן, און נישט ווי דער שם אדנ"י וואס מען זאגט אויסערן בית המקדש. דערפאר זאגט רש"י: "וְיִקְחוּ לִי" תרומה צו בויען די משכן, "לשמי" - מען זאל דארט זאגן דעם שם הוי"ה אזוי ווי עס איז געשריבן.

דער מקובל רבי מאיר ביקייאם ברענגט אז דער ענין איז מרומז אין פסוק (תהילים קל א-ב): "שִׁיר הַמַּעֲלוֹת מִמַּעֲמַקִּים קְרָאתִיךָ ה'; ה' שִׁמְעָה בְקוֹלִי"; אין אנהויב האט דער משורר דערמאנט דעם שם הוי"ה, און נאכדעם די שם אדנ"י, און אזוי האט ער געזאגט: "מִמַּעֲמַקִּים קְרָאתִיךָ ה'" - פון טיפענישן פון הארץ האב איך אינזין דעם שם הוי"ה, אבער "ה' שִׁמְעָה בְקוֹלִי" - מיט מיין קול דערמאן איך נאר דעם שם אדנ"י.

'כתנות אור'; 'מאורי אור' נשא

### די קדושה פון די משלים אזוי ווי די קדושה פון די בדים

"וְעָשִׂיתָ בַדֵּי עֲצֵי שִׁטִּים וְצִפִּיתָ אֹתָם זָהָב; וְהֵבֵאתָ אֶת הַבַּדִּים בַּטַּבָּעֹת עַל צַלְעֹת הָאָרֹן לָשֵׂאת אֶת הָאָרֹן בָּהֶם; בְּטַבְּעֹת הָאָרֹן יִהְיוּ הַבַּדִּים לֹא יָסֻרוּ מִמֶּנּוּ" (כה יג-טו)

רבי אליהו הכהן פון איזמיר בעל 'שבט מוסר' ערקלערט:

פון די פסוקים וואס רעדן איבער די קדושה פון די בדי הארון, קענען מיר לערנען די חשיבות און מעלה פון די משלים וואס די חכמים האבן געזאגט, אזוי ווי די בדים וואס זענען געמאכט צו טראגן די הייליגע ארון, אזוי אויך דורך די משלים קען מען ערקלערן די תורה פאר די פשוטי עם, אזוי ווי עס איז געזאגט געווארן אויף שלמה (קהלת יב ט): "וְיֹתֵר שֶׁהָיָה קֹהֶלֶת חָכָם עוֹד לִמַּד דַּעַת אֶת הָעָם וְאִזֵּן וְחִקֵּר תִּקֵּן מְשָׁלִים הַרְבֵּה".

"וְעָשִׂיתָ בַדֵּי עֲצֵי שִׁטִּים" - זאגט משלים פאר כלל ישראל, "לָשֵׂאת אֶת הָאָרֹן בָּהֶם" - כדי דורך דעם וועט קלאר ווערן די טיפקייט פון די תורה פאר די פשוטי העם. די משלים, זענען אזוי ווי די בדים, זעהן אויס ווי איינפאכע האלץ, און פון דעסטוועגן הייסט די תורה: "וְצִפִּיתָ אֹתָם זָהָב" - ענק דארפן האלטן טייער און חשוב, און מער פון דעם: "בְּטַבְּעֹת הָאָרֹן" - דאס איז די תורה, "יִהְיוּ הַבַּדִּים" - די משלים, "לֹא יָסֻרוּ מִמֶּנּוּ", ווייל דורך זיי ווערט ערקלערט די תורה, און עס רוהט אויף זיי די קדושת התורה.

אויף דעם וועג טייטש דער אר"י הקדוש דעם נוסח פון די ברכה פון 'אתה חונן':

"אתה חונן לאדם דעת" - דו דער אויבערשטער, געבט אריין חכמה אין די הערצער פון די דערהויבענע מענטשן וואס הייסן 'אדם', צו ערקלערן זייערע ווערטער מיט א משל. "ומלמד לאנוש בינה" - דורך דעם זענען אויך די פשוטי עם וואס ווערן אנגערופן 'אנוש' זוכה צו פארשטיין די תורה.

'מדרש תלפיות' ערך ארון; 'שער בת רבים'

### א פראקטישע עצה אקעגן יצה"ר

"וְאֶת הַמִּשְׁכָּן תַּעֲשֶׂה עֶשֶׂר יְרִיעֹת שֵׁשׁ מָשְׁזָר וּתְכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתֹלַעַת שָׁנִי כְּרֻבִים מַעֲשֵׂה חֹשֵׁב תַּעֲשֶׂה אֹתָם" (כו א)

רבי משה גרינוואלד חוסטער רב זאגט:

אין זיין הקדמה אויפן ספר החינוך רעכנט אויס דער מחבר זעקס מצוות וואס זענען אנגעהאנגען אין הארץ וואס יעדער מענטש קען זיי מקיים זיין יעדע מינוט פון זיין לעבן, און וועגן דעם איז נישטא קיין שאצונג אויף זייער שכר, ואלו הן: א. אמונת ה'; ב. נישט גלייבן אין עבודה זרה; ג. יחוד ה'; ד. אהבת ה'; ה. יראת ה'; ו. נישט נאכגיין וואס די הארץ טראכט און די אויגן זעהן.

דער וואס טראכט שטענדיג פון די 'שש מצוות', איז זוכה זיך מתגבר זיין אויפן יצר הרע וואס וויל אים מכשיל זיין מיט א זינד, און אפהיטן אויף ריינע מחשבות. ווייל די כהנים וואס טוהן די עבודה אין משכן האבן געדארפט אכטונג געבן צו האבן א ריינע הארץ, האט די תורה מרמז געווען ביי די פסוקים וואס רעדן פון מלאכת המשכן אויף די סגולה: "שֵׁשׁ מָשְׁזָר"; מקיים זיין די 'שש' מצוות, העלפט צו אז 'מש' - עס וועט זיך אפטוהן פון די הארץ פונעם מענטש דער יצר הרע וואס ווערט אנגערופן 'זר', אזוי ווי די חכמים דרש'ענען (שבת קה ב) אז דער פסוק (תהלים פא י): "לֹא יִהְיֶה בְךָ אֵל זָר" גייט ארויף אויפן יצר הרע וואס געפינט זיך אין דעם מענטש.

'ערוגת הבשם'

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### צעהן וואס קומען פרי ענטפערן אמן

דעם שבת וועלן מיר ליינען דער פסוק וואס באפעלט אונז צו בויען די משכן: "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", וואס אין זוהר הק' (נשא קכו א) שטייט אז אין דער ציווי ליגט אויך דער חוב פון בויען שוהלן אין אלע דורות.

אין דעם שבת איז איינגעפירט צו רעדן און מעורר זיין וועגן קדושת בית הכנסת וואס איז באקאנט אלס: "מקדש מעט", און פארשטייט זיך אז עס איז פאסיג אז מיר זאלן אויך רעדן דערפון אין דעם קאלום. רעדנדיג וועגן דעם איז כדאי מיר זאלן צולייגן קאפ צו די ווערטער פונעם 'פרדס יוסף' אין אונזער פרשה, וואס ווייזט אן אויף א יסודות'דיגע און וויכטיגע נקודה, וואס קומט ארויס פון דעם דערמאנטן פסוק; דער פסוק באטאנט: "ושכנתי בתוכם" - דאס הייסט אין די וואס קומען צום משכן. דאס קומט אונז לערנען, אז די השראת השכינה אין בית המדרש איז נישט אנגעהאנגען אין איר שיינקייט אדער גרויסקייט, נאר אין דער איכות פון די וואס קומען אין שוהל.

די ווערטער טרעפן מיר קלאר אין גמרא (ברכות ו ב): "בשעה שהקב"ה בא בבית הכנסת ולא מצא בה עשרה, מיד הוא כועס. שנאמר (ישעיהו נ ב): 'מדוע באתי ואין איש קראתי ואין עונה". ד.מ.: ווען הקב"ה וויל קומען רועהן אין שוהל, אזוי ווי די הבטחה "ושכנתי בתוכם", אויב טרעפט ער נישט צען מענטשן וואס קומען פרי אין שוהל, נישט נאר אז ער מאכט רועהן דארט זיין שכינה, נאר עס ווערט אויך נתעורר די מידת הדין.

מיר האבן שוין אסאך דערמאנט אין די פלאטפארמע: קומען פרי אין שוהל איז זייער שטארק אנגעהאנגען אין דער וועג וויאזוי מען זאגט די ברכות השחר! די מציאות ווייזט קלאר אז אין א שוהל וואס די מתפללים זענען מקפיד צו זאגן 'ברכות השחר בחברותא', וועלן דארט שטענדיג זיין 'עשרה משכימים', און אדאנק דעם וועט דארט זיין השראת השכינה!

דער באבובער רב בעל 'קדושת ציון' האט געטראפן אויף דעם א רמז אין דער פסוק וואס די גמרא ברענגט: "מדוע באתי ואין איש"; 'איש' - איז ר"ת: 'י' שעונים אמן' ('קדושת ציון' ח"ב עמ' קח). איך האב געטראכט צולייגן אז אויך דער צווייטער טייל פסוק לערנט אונז אויף דעם: "קראתי ואין עונה"; "עונה" מיינט ענטפערן אמן.

מען קען אויך צושטעלן די באקאנטע תקנת חז"ל (מגילה ג ב) אז אין יעדע שטאט דארפן זיך געפונען 'עשרה בטלנים', ד.מ. מענטשן וואס ארבעטן נישט נאר זיצן אין בית המדרש און לערנען. די תקנה האט מען אוועקגעשטעלט כדי עס זאל חלילה נישט זיין אזא מצב אז הקב"ה זאל קומען אין שוהל און נישט טרעפן דארט צען מענטשן, אבער עס זעהט אויס אז די תפקיד פון די 'עשרה בטלנים' איז אויך צו ענטפערן אמן נאך די וואס זאגן ברכות, און דער סימן אויף דעם: "בטלן" איז בגימטריה "אמן".

לאמיר אויפשטיין פרי און אויפנעמען די שכינה וואס קומט רועהן צווישן אונז דורך זאגן ברכות און ענטפערן אמן ווי די הלכה איז.

**מיט א רוף "ושכנתי בתוכם"**

יעקב דוב מארמארשטיין

# מעשי אמונים

א וועבנטליבער ערציילונג אויף אמן און תפילה

## — די וועג וואס איז אויסגעטראטן געווארן אין דער הויפטקווארטיר פון תפילה —

פון אייביג אן האבן די גדולי עולם, אסאך ראשי ישיבות און רבנים פון די אייראפעישע קהילות, געגלוסט צו עמיגרירן און זיך באזעצן אין ארץ הקודש. אבער די עתיד פון די ישיבה און די קהילה וואס זיי האבן געפירט, צוזאמען מיט זייער שרעק פון דער רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע לאגע אין ארץ הקודש, האט זיי געצווינגען אפשטילן זייער ווילן.

אין די יארן צווישן די צוויי וועלט מלחמות, און באזונדער אין בעפארברייטונג אין די אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה, האט זיך זייער געשטארקט די גשמיות'דיגע און רוחניות'דיגע נסיונות אין אייראפע. אין דער תקופה האבן אסאך פון די ראשי ישיבות און רבנים יא געטוהן פארשידענע פעולות צו ערפילן זייער וואונטש און ארויפגיין קיין ארץ ישראל.

מאת ה' היתה זאת. אזוי איז געבויט געווארן א נייע תורה'דיגע וועלט אין ארץ הקודש, און אזוי איז געלייגט געווארן דעם יסוד פארן גייסטיגן אויפבוי פונעם אידישן פאלק נאך דעם שרעקליכן חורבן וואס איז פארגעקומען אין די קומענדיגע יארן.

איינער פון די אנגעזעענסטע גדולי התורה וואס זענען דעמאלטס ארויף קיין ארץ ישראל איז געווען הרב איסר זלמן מעלצער זצ"ל. ער איז ארויף קיין ארץ ישראל אין יאר תרפ"ה, און איז אויפגענומען געווארן צו פירן די בארימטע ישיבה 'עץ חיים' אין ירושלים עיר הקודש.

דער שטארקער קשר צווישן הגרא"ז און זיין פלימעניק, הגאון רבי אלעזר מנחם שך זצ"ל, האט צוגעברענגט אז ער זאל וועלן גיין אין זיינע טריט, אבער צוליב די עצה פון די גדולי הדור האט ער עס אפגעשטופט איינמאל נאכן צווייטן.



איינע פון די שיפן וואס האבן ארויפגעברענגט די אייראפעאישע אידן קיין ארץ ישראל

אין יאר ת"ש איז דער הימל פינסטער געווארן איבער די אידן אין אייראפע, פון טאג צו טאג האבן זיך געשטארקט די גזירות, און גלייכצייטיג די מעגליכקייטן פון פארלאזן אייראפע צו א זיכערן ברעג געווארן איז געווארן ווייניגער און ווייניגער. הרב שך האט איינגעזען אז דאס איז די לעצטע געלעגנהייט פאר אים און זיין פאמיליע צו אנטלויפן פון אט די גיהנום און פארווירקליכן זיין חלום ארויפצוגיין קיין ארץ הקודש, אבער פון דער צווייטער זייט איז אים שווער געווען איבערלאזן די תלמידי ישיבה אליין, די פראגע איז געווען א שווערע, און ער האט עס פארגעלייגט אין די אויערן פונעם גאון הדור, מרן הגרח"ע גראדזינסקי זצ"ל.

אין אנהויב האט הגרח"ע אים באפוילן צו בלייבן מיט זיינע תלמידים אין קלעצק, אבער א קורצע צייט שפעטער, ווען עס איז שוין געווען א פראגע פון 'פיקוח נפש', האט הרב שך נאכאמאל געפרעגט, און דאס מאל האט דער הגרח"ע מסכים געווען אז ער דארף מאכן יעדע מי און ארויפגיין קיין ארץ ישראל. אבער אין יענע צייט איז שוין אוממעגליך געווען צו באקומען א אריינגאנג-וויזע צו די הייליגע לאנד. יעדער, וואס האט געשטרעבט אנקומען קיין ארץ ישראל, האט פרובירט געפינען אן אייגנארטיגן וועג צו באקומען עפעס א וויזע, וואס וועט אים דערנענטערן צו אויספירן זיין ווילן.

הרב שך האט באשלאסן זיך צו ווענדן צו די טערקישע קאנסולאט אין מאסקווע און זיך בעטן ביים קאנסול ער זאל אים שענקען אן אריינגאנג-וויזע קיין טערקיי, פון דארט האט ער געהאפט צו געפינען עפעס א וועג צו עמיגרירן קיין ארץ ישראל. ווען עס איז געקומען זיין רייע, איז הרב שך געשטאנען פארן טערקישן באאמטער, אבער הרב שך האט נישט געקענט טערקיש, און דער באאמטער האט נישט געקענט אידיש. אזוי איז געפירט געווארן צווישן זיי א 'שפראך פון טויבע', ווען הרב שך פרובירט אויף יעדן אופן צו ערקלערן וואס ער וויל, און דער באאמטער פון דער צווייטער זייט, ווי גערעכטן, פארשטייט נישט קיין ווארט. נאך פילע מינוטן פון פרובירן, איז הרב שך געצווינגען געווען זיך אויסדרייען פארצווייפלטערהייט אן צו ערפילן זיין וואונטש.

וויבאלד אין דער גאנצער געגנט איז נישט געווען איינער וואס האט געקענט פארמיטלען צווישן אים און דער באאמטער, האט הרב שך געטוהן וואס יעדער ערליכער איד וואלט געטון אין א צייט פון ענגשאפט, האט ער זיך אוועק געשטעלט אין ווינקל פונעם קארידאר, אינדרויסן פון דעם באאמטער'ס צימער, און אנגעהויבן דאווענען מיט געפיהל און טרערן. ער האט זיך געבעטן ביים בורא עולם, ער זאל אים העלפן געראטעוועט ווערן פון דעם ברענענדיגן אייראפע און קענען ארויפגיין קיין ארץ ישראל.

צוזאמען מיט הרב שך איז געקומען צום קאנסולאט דער גאון רבי שבתי יגל זצ"ל דער ראש ישיבה אין סלאנים, ער האט אויך געוואלט באקומען א טערקישע וויזע פאר זיך און פאר זיין משפחה. אין דער צייט וואס זיין פריינד איז געשטאנען און געדאוונט איז אנגעקומען די רייע פון הרב יגל, ער איז אריין צום באאמטער צו בעטן די ערווארטעטע וויזעס, און האט באלד פארשטאנען, אז ער מוז רעדן מיט די קערפער-שפראך, האט ער זיך געשטעלט פארן באאמטער, מיט איין האנט האט ער געוויזן אויף ארויף, און נאכדעם האט ער זיך אראפגעבויגן און מיט דער צווייטער האנט געוויזן אויף אראפ, מיט נאך פארשידענע באוועגונגען, האט ער פרובירט ערקלערן דעם באאמטער אז אויב ער וועט זיי נישט שענקן די וויזע, ווערט ער געאורטיילט צום טויט. מען קען נישט וויסן צי דער באאמטער האט פארשטאנען צי נישט, אבער די מציאות איז געווען אז גלייך נאכדעם וואס די 'שפיל' האט זיך פארענדיגט, האט דער באאמטער אונטערגעשריבן די וויזע פאר ביידע פאמיליעס.

מיט די וויזעס אין די הענט, האבן הרב שך און הרב יגל געמאכט זייער וועג צו די פארט פון אודעסע, וואו זיי האבן געהאפט צו טרעפן א שיף וואס וועט זיי פירן צו דער שטאט איסטאנבול אין טערקיי. ווען די שיף איז אנגעקומען, האבן זיי זיך צוזאמגעשטופט מיט נאך הונדערטער מענטשן. אבער, זייערע צרות האבן זיך נאכנישט געענדיגט. די טערקישע רעגירונג האט נישט ערלויבט די צוויי פאמיליעס זאלן אראפגיין אין די פארט, צוליב זארג אז זיי וועלן זיך באזעצן אין טערקיי. זייער מי צו באיינפלוסן די פארטרעטער פון דער רעגירונג אז זיי פלאנען נישט אזוי צו טון האט נישט געהאלפן, און זיי האבן באפוילן דעם קאפיטאן פון דער שיף זיי צוריקפירן קיין אייראפע.

אויך דא האט הרב שך גענוצט די זעלבע עצה וואס ער האט גענוצט זייענדיג ביים טערקישער קאנסולאט. ער האט זיך אוועקגעשטעלט אונטן אין שיף און געדאוונט א תפילה פון טיפן הארצן, השי"ת זאל העלפן אים מיט זיין משפחה זיך צו קענען ראטעווען און ארויפגיין קיין ארץ ישראל.

אויך דאסמאל איז זיין תפילה אנגענומען געווארן. צו די שיף, וואס האט שוין געזאלט פארלאזן דעם פארט, איז מיטאמאל אנגעקומען א חשובער איד, וועלכער האט אויסגעזעהן צו זיין איינער פון די חשובע אין די אידישע קהילה אין טערקיי. אין מיט אן שטארקן טאן האט ער געזאגט פאר די רעגירונגס-באאמטע, אז ער נעמט אחריות אז די צוויי משפחות וועלן זיך נישט באזעצן אין טערקיי, און מיטן אויבערשטנ'ס הילף זענען אנגענומען געווארן זיינע ווערטער. די פאמיליעס זענען ערלויבט געווארן אראפגיין אין דעם טערקישן פארט, און א שטיק צייט שפעטער זענען זיי שוין געווען אויפן וועג צו די הייליגע לאנד דורך סיריע.

דער טערקישער איד וואס האט זיי געהאלפן איז פארשוואונדן געווארן פונעם האריזאנט, און ביז היינט איז נישט באקאנט ווער ער איז געווען. אבער יארן שפעטער האבן אלע פארשטאנען אז דאס איז געווען א שליח פון די השגחה עליונה צו ראטעווען די גדולי התורה און זייערע משפחות, אבער נישט ווייניגער פון דעם די הצלה פון די תורה'דיגע וועלט אין ארץ ישראל, וואס איז געבויט און געגרינדעט געווארן דורך זייער כח.

ספר 'מרן הרב שך' ח"א פרק כג

## נאך די וואס זאגן די ברכה מיט גרייזן

**מען ענטפערט נישט אמן אויף א ברכה פון עמי ארצים וואס גרייזן זיך און פארטוישן די אותיות פון די ברכה. אבער עס זענען דא וואס האלטן אז מען מעג יא ענטפערן אמן.**

מקורות וביאורים:

אין ספר 'בירך את אברהם' (נה ג) שטייט מען זאל נישט ענטפערן אמן נאך די וואס מאכן גרייזן און פארטוישן די אותיות פון די ברכה, "לפי שאין כאן נוסח ברכה ולא כלום". אין ספר 'דמשק אליעזר' (מערכת א אות ל) שטייט אז מען זאל נישט ענטפערן אמן נאך איינער וואס ביים זאגן די ברכה 'הגומל' זאגט ער "הגומל לחייבים טובים", אנשטאט "הגומל לחייבים טובות", ווייל ער זאגט ער נישט ריכטיג דעם נוסח הברכה, און זיין ברכה איז ווי א ברכה לבטלה (כפי שפסק ב'חסד לאלפים' או"ח ריח ז).

אבער אין שו"ת 'קנין תורה בהלכה' (ח"ה סי' ט) שטייט אז אויך דער וואס מאכט גרייזן ביי די ברכה, אבער וויבאלד זיין כוונה איז פארן אויבערשטן, איז זיין ברכה א ברכה און מען דארף ענטפערן אויף דעם אמן. און אזוי ווי עס שטייט אין 'ספר חסידים' (סי' יח): "די וואס זאגן פסוקי דזמרה מיט א הויכע און אנגענעמע קול, און קענען נישט זאגן די פסוקים ריכטיג און זאגן עס מיט גרייזן, ווערט זייער תפילה און געזאנג אנגענומען ווי א ריח ניחוח. און אויך הקב"ה פרייד זיך א גרויסע שמחה און זאגט ווי שיין זינגט ער פאר מיר לויט זיין שכל. אויף דעם איז געזאגט געווארן (שה"ש ב ד): 'ודגלו עלי אהבה'". און טייטש (על פי התרגום משלי טז י) אז "דגלו" איז טייטש "זיין מעילה", כאטש ער איז מועל אין די חוב פון תפילה וואס ליגט אויף אים, און זאגט די ווערטער מיט גרייזן, ווערט זיין תפילה אנגענומען באהבה וברצון. אזוי אויך אין מדרש (שהש"ר ב א) דרש'נט מען דער פסוק ווי עס וואלט געשטאנען: 'ודילוגו עלי אהבה', אז אויך די תפילה פון א עם הארץ וואס טוט איבערהיפן אותיות ווערט אנגענומען באהבה.

## די דינים פון אמן יתומה

**א. אויך דער וואס האט נישט געהערט די גאנצע ברכה פון דער מברך, נאר דעם 'שם' און די אויספיר פון די ברכה, צ.ב.ש. "ברוך אתה ה' מגן אברהם", דארף ענטפערן אמן. עס זענען דא וואס זאגן אז אויך אויב ער האט נישט געהערט דעם 'שם', נאר ער האט געהערט די אויספיר פון די ברכה דארף ער ענטפערן אמן. אבער די פוסקים זענען מכריע אז אויך איינער וואס האט איגאנצן נישט געהערט די ברכה, אויב ווייסט ער וועלעכע ברכה דער מברך האט געזאגט, דארף ער ענטפערן אמן.**

מקורות וביאורים:

די ראשונים קריגן זיך ארום צי מען דארף ענטפערן אמן נאך א ברכה וואס מען האט נישט געהערט ווי דער מברך זאגט ארויס דעם שם: דער רא"ש (ברכות ח ה) און תלמידי רבנו יונה (שם מ א בדה"ר, הובאה ב'משנה ברורה' רטו ב) האלטן אז מען דארף נישט ענטפערן אמן נאך די ברכה, נאר אויב ער האט געהערט דעם שם. דער 'ביאור הלכה' (שם ד"ה שלא) ערקלערט ווייל די חיוב פון ענטפערן אמן לערנט מען ארויס פון די פסוק (דברים לב ג) "כי שם ה' אקרא הבו גודל לאלקינו", און אויב מען הערט נישט דעם שם ה' איז מען נישט מחויב צו ענטפערן אמן. דער 'ביאור הלכה' לייגט צו, אז די ראשונים האלטן נישט אז ס'איז אסור צו ענטפערן אמן, נאר זיי האלטן אז מען דארף נישט ענטפערן אמן אויב מען האט נישט געהערט ווי מען דערמאנט דעם ה' און די אויספיר פון די ברכה. און דער ט"ז (שם ב) ערקלערט אז דער טור האלט אז עס איז נישט קיין חוב צו ענטפערן אמן נאר אויב מען האט געהערט די גאנצע ברכה פון דער מברך. אבער רש"י (ברכות נא ב ד"ה עונין) און דער 'אור זרוע' (הל' סעודה סי' רי, הובאה במ"ב שם) האלטן אז עס איז גענוג צוהערן די ברכה כדי ווערן מחוייב מיט ענטפערן אמן.

דער רמב"ם (ברכות א יג) שרייבט: "כל השומע אחד מישראל מברך ברכה מכל הברכות כולן אף על פי שלא שמע הברכה כולה מתחלתה ועד סופה... חייב לענות אמן", און דער 'שלחן ערוך' (רטו ב) ציטירט זיין לשון. אויף דעם שרייבט דער ביאור הלכה אז פון לשון הרמב"ם זעהט אויס אז ער האלט ווי רש"י, אז עס איז גענוג צו הערן די אויספיר פון די ברכה כדי ער זאל מחויב ווערן מיט ענטפערן אמן.

אבער למעשה טרעפן מיר אז דער שו"ע הרב (שם א) און 'משנה ברורה' (שם ו, וב'ביאור הלכה' שם) זאגן אז אויך דער וואס האט אינגאנצן נישט געהערט די ברכה, אויב ווייסט ער וועלעכע ברכה מען זאגט דארף מען ענטפערן אמן. אויך זעה אין 'משנה ברורה' (נה לח) וואס פסק'נט אז א חרש [א טויבער וואס רעדט] קען ענטפערן אמן אויב ער ווייסט וועלעכע ברכה מען האט געזאגט, כאטש ער הערט נישט די ברכה.

•

**ב. די זאכן זענען געזאגט נאר אין באציאונג פון ענטפערן אמן אויף א ברכה וואס ער איז נישט מחוייב דערמיט. אבער דער וואס וויל ענטפערן אמן נאך א ברכה וואס ער איז מחוייב צו יוצא זיין, דארף ער הערן די גאנצע ברכה, און אויב ער האט נישט געהערט די גאנצע ברכה, כאטש ער ווייסט וועלעכע ברכה מען האט געזאגט, טאר ער נישט ענטפערן אמן, און אויב ער האט עובר געווען און געענטפערט איז דאס א 'אמן יתומה'.**

מקורות וביאורים:

אין מסכת סוכה (נא ב) ווערט דערציילט אז אין אלכסנדריה פון מצרים איז געווען זייער א גרויסער שול, וואס צוליב זיין גרויסקייט האבן נישט אלע מתפללים געקענט הערן די שטימע פון שליח ציבור, דערפאר פלעגט דער שמש פון שוהל אויפהייבן א 'טיכל' ביי די ענדע פון יעדע ברכה, כדי דער ציבור זאל וויסן ווען צו ענטפערן אמן. פרעגן די ראשונים פארוואס איז דאס נישט א 'אמן יתומה' וואס די חכמים (ברכות מז א) זאגן מען זאל נישט ענטפערן? ערקלערט רבי ניסים גאון אז נאר אויף אזעלעכע ברכות וואס דער מענטש איז מחויב אין זיי, זאגן חז"ל אז אויב ער האט נישט געהערט די גאנצע ברכה, ווערט גערעכנט דאס ענטפערן א 'אמן יתומה', און אין אלכסנדריה האט מען זיך אזוי געפירט נאר ביי אזעלעכע ברכות וואס דער ציבור איז נישט געווען מחויב (ספר 'הערוך' ערך אמן). דער רמב"ם (ברכות א יד) און דער שלחן ערוך (או"ח ריג ג), פסק'נען להלכה אזוי ווי רבי ניסים גאון, און לויט די גירסא פון דער חרדים אין זיין פירוש אויף ירושלמי (ברכות ח ח ד"ה איזה הוא) טרעפט מען קלאר דער חילוק אין ירושלמי.

די סיבה אז דער איסור איז נאר געזאגט געווארן ביי א ברכה וואס דער מענטש איז מחויב אין דעם, ערקלערט דער חרדים דארטן (ד"ה כשלא) אז די חכמים האבן מורא געהאט אז אויב מען וועט לאזן ענטפערן אמן, וועט דער מענטש מיינען אז ער האט אויך יוצא געווען די ברכה, כאטש ער האט נישט געהערט די ברכה. דער סמ"ג (עשין כז) ערקלערט אז ענטפערן אמן אן הערן די ברכה ווערט אנגערופן 'אמן יתומה', ווייל די אמן איז ווי א יתום וואס האט נישט קיין פאטער.

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן – דער יסוד פון אמונה

### די ברכה ענדיגט זיך און ווערט באשטעטיגט דורך ענטפערן אמן

אין צוויי פלעצער אין גמרא ווערט געברענגט די באקאנטע ווארט וואס לערנט אונז די מעלה פון ענטפערן אמן; אין מסכת ברכות (נג ב) און אין מסכת נזיר (סו ב): "רבי יוסי אומר: 'גדול העונה אמן יותר מן המברך'. זאגט אים רבי נהוראי: 'השמים [א לשון פון א שבועה]! עס איז טאקע אזוי. ווייל די גוליירים [=די פשוטע סאלדאטן] הייבן אן די קריג אקעגן דעם פיינט, און די גבורים, די שטארקע סאלדאטן, וואס שטעלן זיך צו שפעטער געווינען די שלאכט". אזוי אויך דער וואס ענטפערט אמן וואס פארענדיגט די ברכות, "משובח מן המברך" ('המפרש' על נזיר שם ד"ה שהרי).

רבי יעקב ברוכין אב"ד קארלין און בעל 'משכנות יעקב' ערקלערט ('קהלת יעקב' ברכות מו א) אז פון דעם וואס די חכמים (ברכות נג ב) גלייכן צו דער וואס זאגט א ברכה צו א איינפאכער סאלדאט, און דער וואס ענטפערט אמן צו א גבור וואס באזיגט דעם פיינט, קען מען ארויסלערנען צוויי וויכטיגע פונקטן אין די גדר פון ענטפערן אמן:

א. אזוי ווי ביי דער משל - די גוליירים און די גיבורים פירן צוזאמען די מלחמה, אזוי אויך ביי די נמשל - דער מברך און דער וואס ענטפערט אמן פאבריצירן צוזאמען די ברכה. ווייל די אמן איז נישט א צוגעלייגטע זאך אויף די ברכה נאר א ריכטיגער טייל פון דעם.

ב. אזוי ווי ביי א מלחמה, דער הויפט נצחון איז אנגעהאנגען אין די גיבורים, אזוי אויך איז ענטפערן אמן וואס די חכמים האבן צוגעשטעלט צו די גיבורים, "דער עיקר עקזיסטענץ פון די ברכה איז דורך ענטפערן אמן".

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

לכבוד ראשי ומנהלי 'בני אמונים', וואס א דאנק זיי זענען צענדליגער טויזנטער אידן מקפיד צו זאגן די ברכות שחרית מיט א חברותא.

שלום רב לאוהבי תורת-אמן.

איך וויל אייך מיטטיילן מיט א נס און וואונדער וואס מיר האבן זוכה געווען זען א דאנק ענטפערן אמן.

מיין טאטע שליט"א וואס האט זוכה געווען אויפשטעלן א געבענטשטע פאמיליע און זיבן פון זיינע קינדער האבן נאכנישט חתונה געהאט, האט מיט זעקס חדשים צוריק באקומען א סטראק ל"ע. מען האט אים איינגעשלעפט, און באלד האט זיך זיין צושטאנד פארערגערט, אז די דאקטוירים האבן געהויבן הענט און נישט געגעבן קיין שאנס.

אין ליכט פון די ווערטער פון חז"ל (ברכות מז א) "כל המאריך באמן - מאריכין לו ימיו ושנותיו", האבן מיר אלע משפחה מיטגלידער באשלאסן צו זיין א 'מאריך באמן' לזכותו. מיר האבן פארמערט צו ענטפערן אמן און אכטונג געגעבן עס ארויסזאגן ווי עס דארף צו זיין, און ווי די תוספות שרייבן (שם ד"ה כל) אז דער טייטש פון 'המאריך באמן' איז ענטפערן אמן געלאסן, וויפיל צייט עס געדויערט צו זאגן די ווערטער 'א-ל מלך נאמן', און בחסדי שמים האבן מיר זוכה געווען, און נאך בערך צוויי וואכן אין וועלכע מיר האבן שטארק געהיטן די קבלה, איז געווארן א שטארקע פארבעסערונג אין אונזער טאטנ'ס געזונט און צוביסלעכווייז האט ער זיך צוריקגעקערט צו די אייגענע כוחות בדרך נס ופלא.

ראש חודש טבת האבן מיר אפגעראכטן א גרויסע סעודת - הודאה. מיין טאטע איז געווען זייער גערירט ווען ער האט גערעדט, און האט זיך באדאנקט פאר אלע משפחה מיטגלידער פאר זייער השתדלות בכלל, און איבערהויפט פאר זייער גייסטיגע השתדלות צו מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן צוליב אים. ער האט אויך געבעטן מען זאל ווייטער פארזעצן די קבלה, אלס הודאה אויף דעם גרויסן נס, וואס ער און מיר אלע האבן זוכה געווען.

אינמיטן זיינע ווערטער האט ער געזאגט א וואונדערליכן געדאנק, וואס איז אים ארויפגעקומען אויפן געדאנק בעת זיין ערהוילונג. דער פסוק (תהלים כא ה) זאגט: "חיים שאל ממך נתתה לו אורך ימים עולם ועד". די ראשי תיבות: "נתתה לו אורך ימים", באטרעפן איין און ניינציג, פונקט ווי די גימטריה פון אמן.

איך ענדיג מיין בריוו מיט א דאנק, און אנערקענונג, אז ענקער חשובע ארבעט אויף ענטפערן אמן, ברענגט א שפע פון געזונט און פרנסה פארן גאנצן אידישן פאלק בכלל און בפרט.

**פנחס ש.**
**בית שמש**

מען קען שיקן בריוו צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

### האדמו"ר רבי יצחק אייזיק פון קאלוב
#### ז' באדר תקפ"א



דער אוהל אויפן קבר פון רבי יצחק אייזיק פון קאלוב זצ"ל

רבי יצחק אייזיק טויב פון קאלוב איז געבוירן געווארן אין יאר תקי"א אין דער שטאט סערענטש אין אונגארן צו זיין פאטער רבי משה יחזקאל, וועלכער איז נפטר געווארן באלד א קורצע צייט נאך זיין געבורט. שוין אין זיין יוגנט האט ער זיך אויסגעצייכנט צווישן זיינע חברים אלס עילוי און א פלייסיגער יונגל.

זיין הייליגע נשמה האט צוגעברענגט אז ער פלעגט זיין אפגעזונדערט טעג און וואכן, אזוי האט ער געהאלפן זיין ארימע מאמע מיט פרנסה, דורכ'ן פאשען די גענז אין די ווייטע ערטער. לויט וואס איז אנגענומען האט דער צדיק רבי לייב שרה'ס וועמען ער האט באגעגנט און באלד ארויסגעהאט זיין כאראקטער, האט אים איבערגערעדט ער זאל קומען מיט אים צו די ישיבה פון רבי ר' שמעלקא פון ניקלעשבורג. ווען דער רבי ר' אלימלך פון ליזשענסק האט באזוכט אין ניקלעשבורג, האט ער געטראפן דעם רבי' יצחק אייזיק און זינט דעמאלטס האט ער זיך מדבק געווען אין אים.

אין יאר תקמ"א איז ער געקרוינט געווארן אלס רב אין קאלוב און האט געדינט אין דעם אמט פאר פערציג יאר, זיין נאמען איז באקאנט געווארן און זיין תורה און קדושה איז פארשפרייט געווארן איבער גאנץ אונגארן.

אגאנץ לעבן איז ער קראנק געווען, און אויף זיין עלטער האט זיך זיין קראנקהייט געשטארקט. בעפאר זיין פטירה האט ער געבעטן אז אויף זיין מצבה זאל מען נישט שרייבן קיין שום שבח, אויסער די פאלגנדע ווערטער: "היה יכול ללמוד על הדף, והיה ערליכער יוד".

אין שבת קודש ז' באדר תקפ"א האט ער צוריקגעגעבן זיין הייליגע נשמה צום אויבערשטן, און ער איז באערדיגט געווארן אויפן בית החיים אין קאלוב.

### דער מנהג פונעם קאלובער רב

רבי יצחק אייזיק מקאליב פלעגט גיין יעדן אינדערפרי צו די תלמוד תורה וואס ער האט געגרינדעט אין זיין שטאט, כדי צו הערן ברכות השחר פון די קינדער פון ת"ת. רבי שמואל ראזנעפעלד וואס איז געווען דער בעל תפילה ביי האדמו"ר רבי משולם פייש מטאהש און האט געלערנט אלס יונגל אין ת"ת אין קאלוב האט דערציילט: איין טאג דערנאך וואס דער רבי' האט געענטפערט אמן נאך מיינע ברכות, האט ער געלייגט זיין האנט אויף מיין קאפ און מיך געבענטשט: "דו וועסט נאך זיי א גוטער בעל תפילה, און וועסט מעורר זיין אסאך רחמים אויף כלל ישראל" ('עבודת הלוים' ח"א עמ' קעג).